# סאקאָ און וואַנזעטיס מאָנטיק

דער טאָג האָט זיך געלויטערט דורך בלויען נעפּל
און אַרומגענומען די שטאָט מיט אַ פייכטן באַגינען
און אויף שויבן און טירן און דעכער
איז געוואַקסן אַ ליכטיקע אומרואיקייט אויף דער פולער וואָך.
מאָנטיק.

ערשטע רעדער אויף שטיינער רעדלען און מאַלן און וועקן,
ציגלגעביידעס פייפן טרויעריק דעם עלנד דורך אַלע הינטער-
גאַסן,
דער שטומער געוועגלאַך קלאַפּט אַן שנעל און איילים אויף
אַלע טויערן,

אין די הייזער קלינגען די וועקזייגערס,
די קאַווע וואָרטשעט אין פאַרשוואַרצטע טעפּ,
די פרישע זעמל וואַרטן,
די פלעשער מילך האַרן אומגעדולדיק בײַ די טירן.
איבער דער שטאָט וויקלט זיך אַ שווערע הילל פון הייליקייט,
איז עס נאָך די שלעפּ פון זונטיק, אָדער אַ כאַלעם וואָס
קלעפּט זיך

צום פאַרשלאָפענעם מאַרך פון דער שטאָט?
איז עפּעס געווען אָדער וועט עפּעס געשען?
די ציגלגעביידעס פייפן נאָך טרויעריקער
און בעטן זיך בײַ די הינטערגעסלאַך:
די וואָך איז געקומען,
אַ שטאָט טאָר ניט וועלן פאַרגליווערט ווערן,
אַ שטאָט דאַרף זיך באַוועגן אימפּעטיק
אין ווילדן געזאַנג מיט שטעט,
אין ווילדן געיעג אַרום זיך.

טוט אָן די אַרבעטהויזן און טרייבט די ראָד,
גיסט אייל, גיט היץ —
שפּייז פֿאַר דער מעטאַלענער נעשאָמע פֿון דער שטאָט.
ווייל גאָרניט, גאָרניט איז געשען
און גאָרניט, גאָרניט וועט געשען.
טראַמווייען זשומען, אויטאָס רעווען, קוימענס פּייפֿן,
אייזנס בראַזגען, מאַטבייעס קלינגען, טריט קלאַפּן,
יעדער פֿאַראייזאַמט אין דער צוזאַמענקייט,
יעדער צוזאַמען אין דער איינזאַמקייט,
צען און הונדערט און טויזנט און מיליאָן —
מיליאָן גייט און גייט און גייט
(איינזאַם אין דער צוזאַמענקייט)
דערשראָקענע קוימענס שרייען און רעגולירן שטאָט־פּאַרקער:
ניט אַלע צוזאַמען אַהין און אַהין
נאָר אַהער און אַהין און אַהין און אַהער
(איינזאַם, איינזאַם אין דער צוזאַמענקייט)
טויערן ווי טויטנקאַסטנס פֿאַרשלאָסן, פֿאַרקלאַפּט,
פֿאַרטויבט זיינען אויערן פֿון דער שטאָט.
גאָרניט, גאָרניט וועט געשען.

.1

פֿאַרצווײַלינגט האָט זיך דער נעכטן און דער הײַנט
און זיך צוזאַמענגעוואָקסן און זיך צוזאַמענגעהאָרבעט
אין איין קלאָרן פּלאָנטער.
קלאָר אין דער צעטומלעניש האָט ער אַ צעטומלטער קלאָר
געזען

ווי וויניק טרייסט עס ברענגט דער ראָז פון א פאַרטאָג
ווען דער טאָג אַליין ליגט שוין א באַשיידטער
פון נעכטן און פון אייערנעכטן,
ווען די שאָען זיינען בלויז שווינדלטרעפּ ארויף צו יענער שאָ
פון יענעם טאָג,
וואו ער איז אַליין ווי א גאַנעוו באַהאַלטענערהייט שוין געווען
און אריינגעשטעקט דאָרט א מעסער.
דער ראָז פון א פאַרטאָג פאַר א טאָג אזעלכן
איז עפּשער זיין אייגענער פרימאָרגן רעגנבויגן —
דער בלוטיקער צייכן אז ער שטייט א פאַרווירטער
מיט אָפּענע אויגן צום פאָראויס
און ווייסט קלאָר אז עפּעס וועט געשען.

ווייל פון נעכטן ביז היינט האָט דער גאָווערנאָר
אומגעשפּאַנט אויף א בריק פון א שלאָפלאָזער נאַכט,
מיט א ביקס אויף די פּלייצעס האָט ער באַוואַכט
די געוויסנס פון א וועלט.
אַלע זיינען געשלאָפן בלויז ער אַליין האָט געהיט דעם
טשעכאָוועס
פון די געוויסנס וואָס האָבן געבילט ווי הינטלאַך
און געקרייעט ווי קליינע הענדלאַך
און געמיאַקעט ווי שוואַכע קעצלאַך
און זיך געקנוילט און געהויפּט און געוואָרן איין שווערער
פּאַק.
האָט ער געטראָגן א ביקס און א פּאַק אויף די פּלייצעס
און פריידיקע מאַכשאָוועס האָבן שוין גלייך אין די ערשטע
שאָען פון דער נאַכט

באַ אים אויפגעזונגען און לייכטער געמאַכט זיין מאַסע.
ער האָט געזאָגט צו זיך, אַז גוט איז וואָס עס זיינען דאָ בעטן,
אַ קלוגער סייכל איז וואָס גאָט האָט באַשאַפן די מינים,
און גוט איז וואָס מענטשן האָבן אויסגעטראַכט
די פאַרביקסטע פאַרגעניגנס.
און אַ דאַנק פאַר דעם מאָגן,
און פאַר כווישעכדיקע אָרימקייט,
און פאַר די ביטערע מוירע,
און פאַר אָרימאַנסקע פרייד פון ברויט,
און פאַר דעם שוויים פון אַרבעט
וואָס לעשט אויס די ליכטיקסטע געדאַנקען,
און פאַר פינצטערע הייזער וואָס פאַרלעשן דאָס ליכט אין
די אויגן,
און פאַר דעם גרויסן, גרויסן סייכל איבער אַלץ
אַז דאָס קלייד פון מעטאַד ווערט קיינמאָל ניט אַרונטערגעריסן,
און רעוואָלוציעס געשעען בלויז אין דער געשיכטע.
און געשיכטע דערציילן אַלעמאָל אַלטע זיידעס אָן ציין
און ס'הויבט זיך אָן מיט אמאָל — אמאָל איז געווען.
אַזוי האָט ער געדאַנקט און געלויבט
דעם שטילן גאַנג פון אַלץ,
אַז זיין מאַסע איז געוואָרן אַזוי לייכט און לופטיק
און ס'האָבן קיין קעץ ניט געמיאַקעט און קיין הינט ניט
געבילט,
בלויז אַ קליין אויפעלע האָט געוויינט אין דער נאַכט.
האָט ער אַרונטערגעשליידערט די ביקס פון די פּלייצעס
און געוואָרן אַ ניאַנקע און געוויגט
פאַרשלעפּערט און פאַרוויגט און פאַרליולעט מיט אַ ליד —

ער, די מאַמע פון דעם קינדישן וועלטגעוויסן.

האַלבנאַכט. פריילאַכע שיידימלאַך האָבן געטאַנצט אַרום
אים זיינע אייגענע מאַכשאָוועס
און אָוועקגעלאַכט, אַוועקגעשפּאָט פון אים דעם שרעק
זיינע אויגן.
ער האָט געזוכט שוץ אונטער דעם שאָטן פון אייגענעם שרעק
און געטריבן פון זיך די טרייסט פון זיינע ווערטער,
אָבער פון די צווייגן האָבן זיי אַרונטערגעלאַכט מיט אַ שפּיזל-
דיקן געלעכטער:

עפּעס וועט געשען.
אָבער גאָרניט, גאָרניט וועט געשען.

.2

די נאַכט איז געלעגן ווי איין שטיק שוואַרצע צייט,
און ניט ער האָט געהערט ווי עס אַנקערן אָפּ די מינוטן,
און ניט ער האָט געהערט דעם פּליעסק פון אַ געפאַלענער
שאָ אין וואַסער.
נאָר ווי אַ שווערע דומפּיקע וואָג האָט די נאַכט געהויערט
איבער אים
און פאַרשטעלט דעם טויער צו אַ מאָרגן.
וועט מאָרגן קיינמאָל ניט קומען?
(זאָל מאָרגן קיינמאָל ניט קומען)
די פיס ווערן מיד פון הין־צוריק,
שפּאַן אַוועק פון זיך,
אַריבער יענער זייט פון פאַרגליווערטן פינצטער.

פאַרוואָס איז פאַרשטומט געוואָרן דער שטאָטזייגער,
פאַרוואָס צעברעכט ער נישט דעם קנויל?
נעכטן האָבן פאַרמאַכטע פויסטן געהאַלטן מאַכט,
האַרט ווי קיזלשטיין
און איצט פּלייצט זי ווי זעמדלאַך דורך די פינגער.
ליידיקע פאַרשפּאָטע הענט.
זיינע זאַלבער ליגן איצט אין די בעטן,
די ווייבער קרעכצן פון טאַינעג
און באַ אים אין די אויערן קלינגען צוויי נעמען
און די אויגן זיינען פאַרהויכט ווי צוויי שויבן מיט צוויי פענימער,
ראַטעוועט! ראַטעוועט! ראַטעוועט!

ווער האָט אויסגעזונגען אינמיטן נאַכט?
אויף דער בריק זיצט איינער און ציטערט פון קעלט.
די פיס אַרונטערגעהאַנגען אין וואַסער,
זיצט ער און זינגט שטיל:
ראַטעוועט! ראַטעוועט!
גוט. זינג ביז ווייטאָק.
שטעך מיך דורך מיט דעם געזאַנג ווי מיט גאָלדענע שפּילקעס,
אָבער זע, הויב אויף דעם קאָפּ צו מיר און פאַרשטיי:
איך בין ניט ערשט און בין ניט צווייט און בין ניט סאָף.
איך בין אַ פלאַטער אין דעם בליאַסק פון שנעלן פאַרביקן באַוועג,
איך טראָג מיט שרעק אַן אָפּגעטראָגענעם גוף,
ווער בין איך צו ווערן מער ווי איך בין?

בין איך דען אַן אָפּגעפּאַרבטער קלאָון איך זאָל אויסשרייען
פּלוצים: גערעכטיקייט.
פּלוצים אַזוי אינמיטן דער נאַכט און פון דער העלער הויט,
איך, אַ מילב, און איינער אַליין זאָל אויסרעווען:
גערעכטיקייט.

האַלט איך דען דעם זיגל אין דער האַנט?
איך בין נישט ערשט און בין נישט סאָף,
פאַר מיר און נאָך מיר אַ קייט פון מענטשן
וואָס האָבן ציניש זיך פאַראומשטערבלאַכט,
זיך צוגעקלעפּט צום קאַרק פון אַ וועלט געדרעכעניש
און די וואַסערן וועלן קיינמאָל ניט אָפּשווענקען זייערע נעמען.
וויי איז מיר. וויי און וויי און וויי.
אין די אויערן קלינגען צוויי נעמען
און מיט זיי וועט מיטקלינגען מיין נאָמען.
און דו וואָס זינגסט אינמיטן דער שווערער נאַכט
זינג מיך אויך אַריין אין דיין געזאַנג,
און וועב מיך אויך אַריין אין די פעדים פון דיין ליד
הער דו מיך און מיין שטים ווי זי שניידט דורך די וועלט:
ראַטעוועט!

3.

ווער האָט אויסגעזונגען דאָס וואָרט?
ווער רייסט איצט אַרונטער דאָס טונקעלע קלייד פון דער נאַכט?

ווער שפּרייט אויס דעם לעצטן טאָג
און פאַרבט אָפּ מיט ליכט אַפילע גראַטעס פון אַ געפענגניש?
דער מאַן מיט די גאָטפאַרכטיקע וואָנצעס,

און דער מאַן מיט די היילִיק־אַקשאַנעסדיקע אויגן,
וואָס טוען זיי איצט אין די קלײנע קעמערלאַך?
ערשט מיט עטלאַכע מאָרגנס צוריק האָט ער זיי געבראַכט
פאַררעטערישע טרייסט:
איך וועל טאָן אַלץ אין מיין מאַכט.
ביידע האָבן געלאַכט פון אים מיט ערלאַכע און פאַרטרערטע
אויגן.
ער האָט פאַרשעמט געקוקט אויף זיינע לאַקירטע שיך
ווייל צווישן אים און זיי איז שוין געווען אַ דינע מעכיצע—
די מעכיצע צווישן אַ לעבעדיקן און צוויי טויטע מענטשן.
זיינע ווערטער זיינען געווען הויל ווי פאַלשע נים,
ער האָט געפלאַטערט מיט אַ שרעק פון אַ לעבעדיקן פאַר
דעם טויט —
אָבער די אויגן זייערע האָבן געלעבט און געשפּיזט זיין מאַרך
מיט אַ וויינענדיקער ערלאַכקייט.

וואָס טוען זיי איצט אין די קלײנע קעמערלאַך?
איצט, אין דעם טאָג פון זייער טריאומף,
ווי עס האָט געזאָגט דער מאַן מיט די גאָטפאַרכטיקע
וואָנצעס.
אַ יעזוס מיט דעם לויטערן פּנים!
אַ מאריע, שיינע מאַמע פון גאָט!

אַ יעזוס מיט דעם לויטערן פּנים!
אַ מאריע, שיינע מאַמע פון גאָט!
ווי שטעכן זיך איצט דורך די ווערטער אין אַן אַלטן מויאַך.
אימיצער האָט איבערגעטאַשט די קאָרטן.

אומגעדרייט דעם פֿאַראוים אויף דעם צוריק.
ליכטיקע, זיכערע יאָר ווען מען איז אַלט געווען צוואַנציק.
און וואָס איז אים באַשערט געווען צו זען
אין אַ שטעטל אין דעם הייסן זיד.
אַ געפענגניש, און גראַטעס און היטער מיט ביקסן
און אַרום געפענגניש ווייבער, מענער און קינדער
פֿאַרזאַמלט ווי אויף אַ מאַרקטאָג.
אַלע שרייען: גיט אונדז אַרוים דעם שוואַרצגעזיכטיקן!
געפענגניש פֿאַלט ווי אַ קאָרטן הויז
גראַטעס ברעכן זיך און היטער אַנטלויפֿן פֿון דעם צאָרן
פֿון פֿאָלק,

דאָס פֿאָלק צאָרנט:
גערעכטיקייט!
איבער די ביינער גייט איבער אַ שוידער:
גערעכטיקייט!
יונגע ביימלאַך טרעשטשען אין פֿייערדיקע צונגען
און דער שוואַרצגעזיכטיקער בראָט די יונגע אויגן פֿון
גאָווערנאָר,
אויגן פֿון אַ אינגל וואָס איז אַלט בלויז צוואַנציק:
אומשולדיק!
קינדער שרייען. באַכורים טאַנצן. מיידלאַך זינגען.
בוימלאַך טרעשטשען.
דער שוואַרצגעזיכטיקער זינגט דורך די פֿלאַמען:
אַ יעזוס מיט דעם לויטערן פּאָנים!
אַ מאַריע, שיינע מאַמע פֿון גאָט!

4.

דאָס געפענגניש וואו עס זיצן די צוויי טויטע מענטשן
שטייט זיכער,
די היטער האַלטן גרייט די מאַשינביקסן,
דאָס פאָלק געניצט אויס אַ פרימאָרגן געניץ,
דער טאָג איז געקומען,
די ציגלגעביידעס פייפן,
די טעפּלאַך קאַווע וואַרטשען,
די פלעשער מילך האַרן אומגעדולדיק באַ די טירן.
און ער איינער אַליין אין דער געביידע פון שטאָט.
די שטיינערנע ווענט זיינען דערפרוירן,
קיין שטראַל פון זון קאָן זיי נישט דערוואַרמען,
ער קוקט אַרויס דורך דעם קליינעם פענצטערל
און אַליין איז ער אַ געפאַנגענער אין דער געביידע פון שטאָט.
דאָס גאַנצע פאָלק וואַכט באַ די טירן.
אויף דעם אַרויס הענגט אַ שווערער שלאָס,
די מאַכט רינט ווי זעמדלאַך דורך די פינגער,
דורך די פענצטער וואַרפט מען אים גרוסן פון אַ ליכטיקער
שיין
בריוולאַך, בריוולאַך, אַ מאַבל פון בריוולאַך:
מוטיק! ראַכמאָנעס! פעסט! פליכט!
גערעכטיקייט! גערעכטיקייט!
אַ יעזוס מיט דעם לויטערן פּאָנים!

דער קאָפּ זינקט צום קאַלטן טיש
און בלייבט ליגן ווי אַ שטויביקער דאָקומענט

צווישן אלע פארשטויבטע פאפירן.
די שטיינערנע ווענט האבן נישט קיין טרייסט.
עס איז דער לעצטער טאג.

ווער האט דא אריינגעבראכט א כויזיק-טראן און אים
אוועקגעזעצט מיט געוואלט,
און אים אנגעטאן א מאנטל פון א מיטלאלטערלאך קעניגל?
פירט אריין די פרויען!
זיי פאלן אים צו די פיס און בעטן:
אדויני קעניג! גנאד! ראכמאנעס!
פאר א ברודער, פאר א טאטן צו מיינע קינדער!
און וואס וועל איך זאגן א גרויען טאטן וואסווארט אויף
יענער זייט יאם.

און וואס פאר א גרוס זאל איך אים ברענגען
פאר זיין בלוט און פלייש וואס איז פארעלנדט געווארן.
און וואס וועל איך זאגן מיין קינד?
בא דעם סענטימענטאלן הינריכטער פייכטן זיך די אויגן,
דער קעניג וויינט.

איך וועל טאן אלץ אין מיין מאכט.
(א פארשפאטע הענט מיינע)
פארוואס האבן זיי היינט אויפגעגעסן אלע זעמל?
און אויסגעטרונקען די מילך?
אז די באסטיליע שטייט זיכער
און אויף די פענצטער בליען די לעצטע פאר שא,
ווייי איז מיר און וויי און וויי.
א מאריע שיינע מאמע פון גאט!

אַ מאַריע שײנע מאַמע פון גאָט !
די שװאַרצע פּראָצעסיע שפּאַנט,
די פּליכט אײדעם קומען.
באַם גאַלעך אין האַלדז איז פאַרטריקנט אַ געזאַנג,
אַרום גאָװערנאָרס אײנזאַמען הױז שפּאַצירן געאָרימטע
פאָרלאַך.
זײ בלײבן שטײן פאַר זײנע טרעפּ
און באַװעגן זיך הין און צוריק אין אַ שטילן טאַנץ.
קעפּ פאָראױס, קעפּ צוריק.
קעפּ פאָראױס, קעפּ צוריק.
אין שטילן פרומען דזשאַז שעפּטשען די ליפּן :
גאָװערנאָר ! ראַטעװע ! ראַטעװע !
די באַסטיליע שטײט זיכער,
די בעטן זײנען גרײט
די פאָרלאַך פאַרבענקטע זינגען : געזעכטיקײט.
די פאַבריקן װעלן פײפן מאָרגן און מאָרגן.
ראַטעװע — װעמען ? אײך ? מיך ? אונדז ?
ראַטעװעט !
דער שטאָט־זײנער שלײדערט הײמען בלײ איבער דער שטאָט,
די הײזער שטײען רואיק,
דעם גאָװערנאָרס הױז שטײט זיכער,
די בױמער אין גאָװערנאָרס גאָרטן דרימלען,
אַלע גלעקער האָבן זיך צעװײנט.
די פאָרלאַך קניען,
דער גאָװערנאָר קניט.
אַ יעזוס מיט דעם לױטערן פּאָנים !
אַ מאַריע שײנע מאַמע פון גאָט !